# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר שמות נתנדב

**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פראדל**

## פרשת שמות

# לעבן מיט הכרת הטוב

**פרנס השבוע**

נתנדב ע"י

מו"ה **ישראל** בן מו"ה יקותיאל זאב **שווארטץ** הי"ו

**לרגל הולדות בתו למז"ט**

ויה"ר שיזכה לראות רב נחת דקדושה בכל יוצ"ח ויתברך בכל מילי דימיטב

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת שמות

שנה ג׳

# לעבן מיט הכרת הטוב

תוכן:

חלק א. ריכטיגע הכרת הטוב - חלק ב. מכיר טובה זיין מענטשן - חלק ג. מכיר טובה זיין דעם באשעפער

## חלק א. ריכטיגע הכרת הטוב

### דער פארגעסנדער קעניג

בלויז אפאר יאר נאך וואס יוסף הצדיק איז נסתלק געווארן האט פאסירט אן אויסטערלישע זאך: **וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ עַל מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף** - א נייער קעניג איז אויפגעשטאנען אין מצרים וואס האט נישט געקענט יוסף (שמות א:ח). אלזא, אזא פסוק איז היבש אינטערעסאנט. נאכמער ווי אינטערעסאנט, עס זעט אויס כמעט אומגלויבליך. צי קען אזא זאך זיין ריכטיג? צי קען זיין אז דער קעניג פון מצרים זאל פארגעסן פון דער מענטש וואס האט געהערשט אלס משנה למלך פאר אכציג יאר, דער מענטש וועלכער האט געראטעוועט זיין לאנד פון דעם ערגסטן הונגער אין די לאנד׳ס היסטאריע?

איר דארפט וויסן אז מצרים איז געווען א ציוויליזירטע לאנד; זיי האבן געהאלטן היסטארישע רעקארדירונגען און קיין זאך איז נישט פארגעסן געווארן. איר געדענקט ווען פרעה האט געגעבן פאר יעקב אבינו און זיינע קינדער דעם בעסטן באדן אין מצרים דארט צו וואוינען? די פרעה׳ס אין מצרים האבן קיינמאל נישט צוריקגעצויגן פון זייער הבטחה. טראץ אלע נאכפאלגנדע קעניגן וועלכע האבן געהערשט אין מצרים, איז ארץ גושן קיינמאל נישט אוועקגענומען געווארן פון די פאמיליע פון זייערע רעטער. פאר אכציג יאר האט יוסף געפירט דאס לאנד און ער האט אויפגעטון געוואלדיגע זאכן פאר די לאנד. קיינער האט דאס נישט געקענט פארגעסן!

זאגן אונז די חז״ל אז דער אמת איז אז די ווערטער **"אשר לא ידע את יוסף,"** קען מען נישט אפלערנען מיט׳ן פשוט׳ן פשט. פרעה האט זייער גוט געקענט יוסף! אויב וואלט מען צוגעפירט פרעה צו א פריוואטן ווינקל ערגעץ אין פאלאץ און מ׳וואלט אים געפרעגט, "דו געדענקסט נישט יוסף?" וואלט ער דיר געענטפערט, "אודאי געדענק איך יוסף! איך געדענק וואס ער האט געטון פאר אונז! ווער קען אים פארגעסן? אבער די אידישע קינדער פארמערן זיך אויף א מורא׳דיגן

אופן. עס זענען פשוט דא צופיל פון זיי און עפעס מוז איך טון." און דערפאר, **עָשָׂה אֶת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ לֹא יָדַע** - פרעה האט זיך אויפגעפירט ווי ער האט אים נישט געקענט. ער האט געקענט יוסף; נאר ער האט עס נישט ארויסגעוויזן. ער האט זיך געמאכט ווי גלייך ער האט אים נישט געקענט, ווי ער האט פארגעסן וואס יוסף האט געמיינט פאר מצרים.

## באשטיינערן דעם געשטעל

אלזא, איבער דעם פסוק זאגט דער מדרש אזוי: **מָשָׁל לְאֶחָד שֶׁרָגַם אִיקוֹנִין שֶׁל דּוּכּוֹס** - עס איז גלייך צו א מענטש וואס האט געווארפן שטיינער אויפ'ן געשטאלט פון זיין הערשער. אזוי האט זיך עס געפירט אין יענע צייטן; יעדע שטאט האט אויפגעשטעלט א געשטאלט צו באערן דער וואס האט אויפגעבויעט די שטאט און געשטיצט די בירגער. אבער דער מענטש איז געווען בייז אויף דעם הערשער צוליב סיי וועלכע סיבה, איז ער געגאנגען צום שטאט צענטער און אנגעהויבן ווארפן שטיינער אויפ'ן געשטאלט. **אָמַר הַמֶּלֶךְ** - באלד ווי דער קעניג האט געהערט וואס האט פאסירט האט ער געזאגט, **הַתִּיזוּ אֶת רֹאשׁוֹ** - "שוין זאל מען אראפנעמען דער מענטש'ס קאפ! **שֶׁלְּמָחָר יַעֲשֶׂה בִּי כָּךְ** - ווייל אויב וועט מען אים לאזן לעבן, וועט ער מארגן טון די זעלבע זאך צו מיר."

דער מדרש זאגט דא אז די זעלבע זאך האט פאסירט מיט פרעה. פרעה האט זיך געפירט ווי גלייך ער האט נישט געקענט יוסף - ער האט געקענט יוסף אבער ער איז אינגאנצן נישט געווען דאנקבאר צום אים. "יוסף? זיכער האט ער אונז געהאלפן, אבער וואספארא סארט דאנקבארקייט דארף איך דען האבן צו אים? וואס עס האט פאסירט, האט פאסירט."

"אאאה," האט דער באשעפער געזאגט, "אויב קענסטו זיין א כפוי טובה, א פארלייקענער אויף גוטס וואס א מענטש האט דיר געטון, דאן וועסטו קיינמאל נישט אנערקענען וואס דער באשעפער טוט פאר דיר. א מענטש וואס קען ווארפן שטיינער אויף יוסף, וועט זיכער ווארפן שטיינער אויף מיר. עס וועט קומען א צייט ווען דער וועלכער האט געזאגט, 'איך קען נישט יוסף,' וועט זאגן **לֹא יָדַעְתִּי אֶת ה'** - 'איך קען אויך נישט דעם באשעפער.'" דאס איז וואס האט טאקע פאסירט שפעטער. ווען משה און אהרן זענען געקומען צו פרעה, האט ער געזאגט "ווער איז דער באשעפער? איך האב קיינמאל נישט געהערט פון אים" (שמות ה:ב).

## לייקענען טובות

עס ליגט אין דעם א וויכטיגער יסוד און די חז"ל ערקלערן דאס אזוי: **כָּל הַכּוֹפֵר בְּטוֹבָתוֹ שֶׁל חֲבֵרוֹ** - אויב איינער לייקנט אין די טובה פון זיין חבר, **לְבַסּוֹף כּוֹפֵר בְּטוֹבָתוֹ שֶׁל מָקוֹם** - וועט ער צום סוף לייקענען אין די גוטס וואס ער האט באקומען פון באשעפער. דאס איז שטענדיג דער סוף פון א מענטש וואס טוט נישט אנערקענען זיין חבר; ער וועט אויך נישט אנערקענען דעם באשעפער.

עס איז אוממעגליך עס זאל זיין אנדערש. אויב קענסטו, נישט זיין דאנקבאר צו א מענטש וואס שטייט פאר דיר, א בשר ודם וואס דו זעסט מיט דיינע אייגענע אויגן, דאן קענסטו פארגעסן פון זיין דאנקבאר צום באשעפער. עס קען פשוט אנדערש נישט זיין. דו קענסט זאגן ווערטער,

דו קענסט רעדן פון אנערקענען דעם באשעפער און דאנקען דעם באשעפער, דו קענסט זאגן הערליכע רייד, אבער אויפריכטיגע הכרת הטוב צום באשעפער איז באמת גאר ווייט פון דיין מח.

אלזא, אונזערע חכמים זאגן אונז דעם יסוד ווייל עס איז נוגע צו אונז אליין. מיר זארגן למעשה נישט איבער פרעה און דערפאר וועלן מיר אים יעצט לאזן אין די זייט און מיר וועלן רעדן איבער אונזערע אייגענע לעבנס.

אט איז א ישיבה בחור וואס זיצטביים נאכטמאל טיש - לאמיר זאגן דיין מאמע האט דיר היינט צוגעשטעלט נאכטמאל. ווען זי האט דיר צוגעברענגט א טעלער זופ און אביסל פלייש מיט רייז, צי האסטו געזאגט "יישר כח" פאר דיין מאמע? צי האסטו אנערקענט וואס זי האט געטון פאר דיר? עס האט גענומען צייט צו אנגרייטן דעם נאכטמאל. זי איז געווען פארהארעוועט ביים גאז א לאנגע צייט.

## אנערקענען דעם עפל

נישט נאר נאכטמאל! צי האסטו אמאל געמאכט א חשבון וויפיל טריט דיין מאמע האט היינט ארומשפאצירט אין הויז פאר דיינעט וועגן? אהין און צוריק, אהין און צוריק, ארויף די טרעפ, אראפ די טרעפ, אין קאך, אהין און צוריק, אהין און צוריק; דיין מאמע שפאנט מיילן פאר דיינעט וועגן. צו האסטו געזאגט "יישר כח" פאר דיין מאמע פאר די אלע טריט וואס זי איז געגאנגען פאר דיר? עס פאלט דיר אפילו נישט איין!

און לאמיר זאגן אז נאך נאכטמאל האט דיין מאמע דיר געזאגט, "מיין קינד, פארבייס אן עפל פאר א נאכשפייז." אפשר האסטו געקרימט. "סתם א פשוט'ער עפל?! וואו איז די אייזקרעם קאסטורד אדער עפעס אן אנדערע נאכשפייז? דאס איז די גאנצע וואס דו געבסט מיר? אן עפל?!"

אבער לאמיר זאגן דו האסט זיך נישט אפגערעדט - דו ביסט געווען גענוג גרויס צו האלטן דיינע געפילן פארמאכט אין דיר און דו האסט עס גענומען אן צו קרימען דערויף. אבער דאנקבארקייט? דו זאגסט א הארציגע, "ש'כח מאמי"? עס פאלט דיר אפילו נישט איין! דו טראכסט אז דו טוסט גאר א טובה פאר דיין מאמע אז דו נעמסט איר עפל, איז וואס איז שוין דא צו דאנקען אויף דעם?

אבער דו ביסט זייער א פרומער בחור און דו זאגסט, "ברוך אתה ה'... בורא פרי העץ." "אה יא," וועסטו זאגן, "ווען עס קומט צום באשעפער, ווי אזוי קען איך איגנארירן דעם פאקט אז ער באשאפט די עסן? אודאי אנערקען איך די האנט פון באשעפער! ברוך אתה - איך דאנק דיר באשעפער פאר'ן באשאפן די פרוכט פון בוים פאר מיר צו עסן." און באלד ווי דו ענדיגסט עסן, יעצט ווערסטו שוין טאקע פארטון! דו ביסט זייער א פרומער בחור, וועסטו אצינד זאגן ברכת המזון מיט התלהבות. און עס נעמט אויך צייט; עס איז פיר לאנגע ברכות.

## ריכטיגע דאנקבארקייט

אבער מיר לערנען אצינד אז דאס זענען ליידיגע רייד; עס איז בלויז ווערטער מיט א ניגון. אודאי דארפסטו עס סיי ווי אזוי זאגן - דו האסט נישט קיין ברירה; ס'איז א מצוה דאורייתא און דו וועסט באקומען שכר - אבער דו דארפסט וויסן אז דאס איז בלויז א פארמאליטעט. עס איז באדייטלאז, אויסדריקליך באדייטלאז. ווייל אפילו אויב דו טראכסט אריין אין וואס דו זאגסט, איז

עס סתם ליידיגע רייד ווייל דו ביסט א **כופר בטובתו של חבירו**, אויב דו קענסט פארלייקענען די גוטס וואס דיין מאמע האט דיר געטון, **ובסוף כופר בטובתו של מקום**, דאן טוסטו אן קיין ספק פארלייקענען די גוטס וואס דער באשעפער געבט דיר.

און עס איז נישט נאר דיין מאמע. צי האסטו אמאל באדאנקט דיין טאטע אויף דעם וואס ער ארבעט א גאנצן טאג? ער באצאלט פאר דיר שכר לימוד. דו לערנסט אין ישיבה און ער באצאלט דערפאר. ווערסטו זאגן, "ער דארף באצאלן - ער איז מיין טאטע." פארוואס דארף ער באצאלן? ער אליין וויל אויך לערנען. פארוואס קענסטו נישט ארויסגיין ארבעטן און אים לאזן לערנען?! ער ארבעט א גאנצן טאג אין אפיס אז דו זאלסט האבן וואס צו עסן און א פלאץ צו וואוינען. דו האסט קיינמאל נישט געטראכט פון דאנקען דיין טאטע?! גוט, דאן זאלסטו וויסן אז דו וועסט קיינמאל נישט קענען דאנקען דעם באשעפער! **כָּל הַכּוֹפֵר בְּטוֹבָתוֹ שֶׁל חֲבֵרוֹ** - אויב דו האלטסט אפ די דאנקבארקייט פאר די גוטס וואס דיין חבר האט דיר געטון, **לְבַסּוֹף כּוֹפֵר בְּטוֹבָתוֹ שֶׁל מָקוֹם** - וועסטו צום סוף לייקענען אין די גוטס וואס דו האסט באקומען פון באשעפער. דאס איז דער אויספיר פון א מענטש וואס אנערקענט נישט זיין חבר; ער וועט אויך נישט אנערקענען דעם באשעפער. ס'איז אוממעגליך אנדערש.

## דאנקבארקייט אויף וואס דו זעסט

אלזא, די סיבה פארוואס דאס איז ריכטיג איז ווייל עס איז אזויפיל גרינגער צו זיין אמת'דיג דאנקבאר צו א מענטש ווי צו זיין דאנקבאר צום באשעפער. ס'איז גרינגער צו זיין דאנקבאר צו איינער וואס דו זעסט. נאך אלעם זעסטו דיין מאן. דו זעסט אז ער ארבעט א גאנצן טאג אין אפיס אין מאנהעטען צו אויסהאלטן די משפחה. דו זעסט אז ער קומט אהיים סוף וואך מיט א געהאלט צו באצאלן די בילס. אויך דיין ווייב. דו זעסט דיין ווייב. דו זעסט ווי זי קאכט פאר דיר. דו זעסט ווי זי ערציט דיינע קינדער. דו זעסט אז דו האסט ריינע העמדער און ריינע אונטערוועש צוליב איר. דו זעסט אז זי טוט די אלע זאכן.

דאגעגן דער באשעפער איז **רוֹאֶה וְאֵינוֹ נִרְאֶה** - ער זעט אונז אבער מיר זעען אים נישט. אודאי, מיר ווייסן אז ער איז דער אמת פון די וועלט, אז ער איז דער איינציגסטער אמת'ער מציאות, אבער פונדעסטוועגן איז נישט גרינג צו שפירן דאנקבארקייט צו א ידיעה, א גלויבונג. צו א מענטש, א בשר ודם, דארפסטו נישט האבן קיין שום אמונה! ווען א מענטש האט דיר געטון א טובה, דארפסטו נישט האבן דערצו א גלויבונג - ס'איז א פאקטישער מענטש.

## אמת'ע דאנקבארקייט

אודאי, אויב דאנקבארקייט מיינט בלויז זאגן אפאר ווערטער, דאן איז עס אלעס איינס; ס'איז ליידיגע ווערטער. אבער מיר רעדן יעצט פון אויפריכטיגע דאנקבארקייט, פון אנערקענען וואס מענטשן טוען פאר דיר און שפירן שולדיג צו דער וואס טוט מיט דיר גוטס. מיר רעדן יעצט פון קוקן די מאמע אין די אויגן מיט א שמייכל און זאגן, "איך דאנק דיר אזוי שטארק מאמי, איך שעץ עס אמת'דיג!"

און דערפאר, אויב דאנקסטו דעם באשעפער אבער דו דאנקסט נישט די מענטשן ארום דיר, איז עס בלויז אן אויסערליכע זאך. דו האסט נישט קיין שום כוונה פון הכרת הטוב ווייל דו

פארלייקנסט די גוטס פון דיין חבר, דאן פארלייקנסטו זיכער די גוטס וואס דער באשעפער טוט מיט דיר. דאס איז וואס דער מדרש לערנט אונז. ס'איז א פאנדומענטאלע קארופציע פון מידות ווען מ'געוואוינט זיך נישט איין אין די מידה פון הכרת הטוב צו די מענטשן ארום דיר ווייל נאר וויפיל דו וועסט אויסארבעטן די מידה פון הכרת הטוב צו מענטשן וואס זענען א טייל פון דיין לעבן, וועסטו קענען זיין אן אויפריכטיגער מכיר טוב פאר דעם באשעפער.

# חלק ב. מכיר טובה זיין מענטשן

## אן איינגעבוירענע מידה

דער אמת איז אז די מידה פון הכרת הטוב איז איינגעווארצלט אין אלע מענטשן, ווייל אין אנהייב פון וועלט באשאף האט דער באשעפער איינגעווארצלט אין די מענטשהייט אלע גוטע מידות. **וַיִּפַּח בְּאַפָּיו נִשְׁמַת חַיִּים** - דער באשעפער האט אריינגעאטעמט אין די נאז לעכער פונעם מענטש א גייסט פון לעבן (בראשית ב:ז).

אלזא, דער פסוק איז אזא וויכטיגע לערע אז מיר וואלטן געדארפט רעדן פערציג יאר בלויז אויף די איינע נושא; איך טרייב נישט איבער! ווייל אז מיר טראכטן אריין, ווער האט אריינגעבלאזן אין דער מענטש'ס נאז לעכער? דער באשעפער! און **מַאן דְּנָפַח מִדִּילֵהּ נָפַח** - אויב איינער אטעמט, אטעמט ער פון זיך. דאס מיינט אז דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אינעם מענטש א חלק פון זיך - עס ליגט אינעם מענטש עפעס פון באשעפער.

אלזא, איך ווייס נישט וואס דער באשעפער איז און קיינער ווייסט נישט און דערפאר קען קיינער נישט פונקטליך ערקלערן וואס דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אינעם מענטש; אבער ווייל מיר ווייסן אז דער באשעפער האט נישט אריינגעאטעמט אין די נאז לעכער פון פערד און קיען און האזלען, דאן מוזן מיר זאגן אז דאס איז געווען עפעס מער ווי צו אריינגעבן די מתנה פון לעבן. דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אינעם מענטש דעם זעל, דער נשמת חיים.

דער רמב"ם זאגט אז אין יענע צייט איז דער מענטש באשאנקען געווארן מיט ענדלאזע און טיפע חכמה. אבער נישט בלויז א חכמה אין געביט פון ידיעות; נאר די גאנצע חכמה פון גוטע מידות, אלע ענינים פון ווייסן וואס איז ריכטיג און וואס נישט, ליגן פארהוילן אין די טיפקייט פון דער מענטשליכער זעל. און אריינגערעכנט אין דעם איז די מידה פון דאנקבארקייט; הכרת הטוב איז א טייל פון אונזער אונטער'ן געוויסן מציאות.

## אפילו די אפיקורסים

דערפאר, איבער די גאנצע וועלט, וואו דו גייסט, ערווארטן מענטשן פון אנדערע צו ארויסווייזן דאנקבארקייט. אפילו די קאמוניסטן, אפיקורסים, ווערן אויפגעקאכט ווען זיי טוען פאר איינעם גוטס און הערן נישט דערנאך אן אויסדרוק פון א דאנק. לאמיר נעמען א קאלעדזש פראפעסאר; ער גלייבט אז א מענטש קומט ארויס פון אן אלזשען, א סארט פיש פארמאציע. למעשה, אן אלזשען האט נישט קיין שום השגה פון דאנקבארקייט. און דאך ווערט דער קאלעדזש פראפעסאר

אויפגעקאכט, ער האט אן אינסטינקט אויפרעגונג אויף מענטשן וואס אנערקענען נישט וואס ער טוט פאר זיי.

אלזא, אויב וועסטו אים פרעגן, "פארוואס זאלן מיר מער אריינטראכטן ווי די אלזשענס? נאך אלעם, לויט דיינע אייגענע לערנונגען זענען מיר בלויז א רעזולטאט פון צופאלן און אנטוויקלונגען, און דערפאר, די אלע זאכן - דאנקבארקייט, באגלייבטקייט, מענטשליכקייט - זענען לויט דיר בלויז אויסגעטראכטע פאנטאזיעס; דאס זענען טעארעטישע געזעלשאפטליכע פירונגען. איז פארוואס זאלן מיר זיין פארפליכטעט דערצו?" אבער טראץ די אלע טעאריעס, טראצדעם וואס ער גלייבט אין גארנישט, דאך איז דער פראפעסאר באאיינפלוסט פון זיין מאמע וואס איז נישט קיין עוואלוציאניסט. ער גלייבט דאך אין די איינגעבוירענע ארנטליכקייט פון דאנקבארקייט ווייל ער קען נישט אנטלויפן פון די איינגעווארצלטע מידות פון מענטשליכן זעל. און דאס רעכנט אריין די פשוט'ע ארנטליכקייט פון שפירן דאנקבאר און פארשולדיגט צו סיי ווער עס טוט דיר אפילו די קלענסטע טובה.

## דאנקבארקייט גייט פארלוירן

און דאך, טראץ דעם אמת, ווי נאטורליך און איינגעווארצלט די מידה פון הכרת הטוב איז אינעם מענטש, זעען מיר אז עס איז דא א סתירה צווישן די טעאריע און די פאקטישע פירונג. מיר קענען עס זאגן, מיר קענען עס גלייבן, מיר קענען עס ערווארטן, אבער וואו איז עס? קוקט זיך ארום! מיר זעען אז אין די פירונגען פון מענטשן פעלט עס. זיכער זענען מענטשן נישט אזוי דאנקבאר ווי זיי װאלטן געדארפט זיין. און דאך איז עס א שאלה - ווי אזוי קען זיין אזא זאך? וואס האט פאסירט צו דער נשמת חיים וואס דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אין אלע פון אונז, וואס ענטהאלט די פאנדומענטאלע מידה פון הכרת הטוב?

און דער ענטפער איז אז עס ליגט א שווערע לאסט פון געוואוינהייט וואס פארשפארט אונזער מח און לאזט אונז נישט אנערקענען דער עלעמענטארער יסוד פון הכרת הטוב צו אונזערע בעלי חסד. א קינד וואס וואקסט אויף אין א הויז וואס פון אנהייב אן האבן זיינע עלטערן אים געשפייזט און געקליידט און איינקווארטירט, צי פאלט אים איין צו שפירן דאנקבארקייט צו זיינע עלטערן ווייל זיי האבן אים צוגעשטעלט א היים? עס פאלט אים נישט איין ווייל ער ערווארט עס - אזוי דארף עס צו זיין, טראכט ער. און עס קען זיין אז ער וועט קיינמאל נישט טראכטן דערפון דורכאויס זיין גאנץ לעבן. ער וועט קיינמאל נישט צוריקקוקן מיט הכרת הטוב צום פאקט אז זיינע עלטערן האבן געצאלט רענט פאר אים. אויב ער וואלט נישט געוועזן, קען זיין אז זיינע עלטערן וואלטן געקענט וואוינען אין א קלענערע דירה און צאלן וויניגער רענט. עס קאסט אסאך געלט צו ערציען א קינד.

אבער עס פאלט דיר נישט איין ווייל דו ביסט אן ארעסטאנט צו די געוואוינהייט. דער כח פון געוואוינהייט, פון ווערן געבוירן אין א וועלט וואו יעדער האט דיר נאכאנאנד באגאסן מיט גוטס, האט דיר בלינד געמאכט צו דער געוואלדיגער התחייבות פון הכרת הטוב.

## אפטיילן כאראקטער

און דאך איז דא עפעס ערגער ווי דער פאקט אז דו אנערקענסט נישט וואס דיינע עלטערן אדער דיין חבר טוט פאר דיר. דאס איז בלויז א האלבע צרה. אפילו נאך ערגער ווי נישט זיין א

מכיר טוב צו די מענטשן ארום דיר איז דאס וואס קומט ארויס פון דעם. אזא מהות מיינט אז דו ביסט נישט דאנקבאר צום באשעפער אליין!

אויב מיר קענען נישט אנערקענען וואס א טאטע און מאמע טוען פאר אונז טראץ די אפענע ערשיינונגען פון זייער גוטהארציגקייט און זייער זארג פאר אונז- אויב טראץ זייער אפענע צייכענעס פון ליבשאפט און איבערגעגעבנקייט און זיך מקריב זיין פאנגט עס נישט אן צו אריינגיין און די קינדס מח אז עס איז דא סיי וואס פארא חוב פון הכרת הטוב, דאן פארבלייבט די מענטש בלינד צו די מערסט פונדאמענטאלער יסוד פון די וועלט און דאס איז די נויטיגקייט צו דאנקבאר זיין צו הקדוש ברוך הוא וועלכער איז פאקטיש דער וואס שטעלט אונז אלעס צו.

דאס איז וואס די תורה לערנט אונז דא: אויב וועסטו זיין א כפוי טוב צו דיין חבר, דאן וועסטו זיין א כפוי טוב צום באשעפער ווייל עס איז אוממעגליך פאר א מענטש צו צעטיילן זיין כאראקטער.

אויב א מענטש האט שלעכטע מידות, דאן אלעס וואס ער טוט וועט זיין מיט שלעכטע מידות ווייל די מידות ווייזן זיך ארויס אין יעדע ריכטונג. דו קענסט נישט זיין אנדערש ווי דאס וואס דו ביסט פאקטיש און דערפאר פירסטו זיך מיט'ן באשעפער מיט די זעלבע מידות ווי אזוי דו פירסט זיך מיט מענטשן. עס קען פשוט נישט זיין אנדערש - ווען א מענטש איז פעלערהאפטיג אין זיין אויפפירונג צו זיין חבר, ווייסן מיר אז ער איז פעלערהאפטיג אויך אין זיין אויפפירונג מיט'ן באשעפער.

## נישטא קיין צעטיילונג

אויב דו מיינסט אז דו קענסט צעטיילן צווישן דיין אויפפירונג צו דיינע עלטערן אדער לעבנסבאגלייטער אדער דיינע שכנים און דיין אויפפירונג צום באשעפער, דאן לעבסטו דיין גאנץ לעבן מיט שקר. דו מיינסט אז עס איז צוויי באזונדערע אפטיילונגען: "ה'! אאאאה! איך אנערקען וואס דער באשעפער טוט פאר מיר! עס קען זיין אז איך בין פעלערדיג ווען עס קומט צו מיין דאנקבארקייט צו מענטשן; קען זיין, אבער דאס האט גארנישט צו טון מיט מיין גלויבונג. איך בין דאנקבאר צום באשעפער! און איך בין געטריי צום באשעפער צוליב מיין הכרת הטוב, נישטא קיין ספק אין דעם!"

דאס איז נישט ריכטיג! און אפילו אויב ער רעדט צום באשעפער און ער זאגט "ברוך אתה", "ברוך אתה" א גאנצן טאג, איז עס אוממעגליך אז עס זאל זיין אויפריכטיג. ס'איז א בושה! דו טראכסט נישט בכלל אז ער טוט אסאך פאר דיר.

אזוי ווי א פרומער בחור האט מיר געפרעגט, "פארוואס זאל איך זיין דאנקבאר צום באשעפער?" איך האב געכאפט א בליק אויף אים. ער האט נישט געהאט קיין פיס שטעקענעס. ער האט נישט געהאט קיין קלאמערן אויף זיינע פיס. ער האט אויך נישט געהאט קיין קלאמערן צו האלטן גראד זיין האלז. ער האט נישט געהאט קיין פאלשע ציין. ער האט אויסגעזען גוט ערנערט. ער האט אויך נישט אויסגעזען ווי ער איז א נאכט פריער געשלאפן אויף א באנק אין א פארק. און ער איז געווען באקליידט. און ער וויל וויסן פארוואס ער דארף זיין דאנקבאר צום באשעפער! גוט, ס'איז דא אסאך צו רעדן איבער דעם אויב דאס איז דער פאל. און איך האב מורא

אז מערסטנס פון אונז, טראץ וואס מיר זענען געגנוג מענטשליך דאס נישט צו זאגן, אבער אין אונזער הארץ טראכטן מיר די זעלבע זאך.

## פריער ווי תורה

אלזא, ווען דו הייבסט אן די עבודה פון זיין אן עבד ה׳ - נאך אלעם איז דאס וואס מיר ווילן אלע זיין; זאגט אונז דער באשעפער, "איר זענט מיינע דינער," און מיר זענען פרייליך אז מיר זענען אויסדערוועלט פאר די ראלע - מוזט איר האבן עפעס טרענירונג. און דערפאר איז די ערשטע זאך, **דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה** - ריכטיגע מענטשליכקייט קומט פאר תורה. ריכטיגע מענטשליכקייט, דאס איז עפעס וואס יעדער קען פארשטיין. אבער וואס 'ריכטיגע מענטשליכקייט' מיינט, דאס איז א שאלה. און דער ענטפער איז אז ריכטיגע מענטשליכקייט מיינט נישט סתם שיינע עטיקעט; דאס מיינט ריכטיגע מידות. דאס איז די הקדמה, דער פאנדומענט פון עבודת ה׳, ווייל כדי זיך צו פירן אויפריכטיג פאסיג צום באשעפער, דארף מען זיך פירן ריכטיג צו מענטשן.

דער חובת הלבבות פארברייטערט זיך אויף די נושא אין זיין הקדמה צו שער עבודת אלקים. ער זאגט דארט אז דער רגש פון הכרת הטוב לבשר ודם, דער געפיל פון דאנקבארקייט צו מענטשן, דאס איז דער לייטער דורך וועלכן מיר גייען ארויף צו אנערקענען די פארדינסטן פון מכיר טובה זיין דעם באשעפער. אויב הייבסטו עס אן צו פראקטיצירן אויף מענטשן, איז דאס דער וועג צו אנהייבן ארויפקריכן אויף דעם לייטער צום וועג פון שלימות אין דינען דעם באשעפער צוליב הכרת הטוב.

## ארויפגיין אויפ'ן לייטער

איר הערט דא זייער א וויכטיגע נקודה. דער חובת הלבבות לערנט אונז אז די גרעסטע דרגה אין עבודת ה׳ איז צו דינען דעם באשעפער דורך אן אויפריכטיגע הכרת הטוב, און ער זאגט אונז דא אז דער לייטער אויף וועלכן א מענטש שטייגט אנצוקומען צו הכרת הטוב איז צוזאמגעשטעלט פון טרעפלעך פון זיין דאנקבאר צו מענטשן. דאנקבארקייט צו מענטשן ארום דיר - דאס איז דער וועג פאר א מענטש צו ארויפגיין העכער צום באשעפער. דו קענסט נישט ארויפקריכן אויף א לייטער ווען עס פעלט דער ערשטער טרעפל; אויב די ערשטע טרעפל פעלט, קענסטו נישט גיין צו די צווייטע טרעפל, און אזוי ווייטער. אויב ווילסטו עפעס אויסשטייגן, דארפסטו שטענדיג געדענקען אז דער ערשטער טריט אויפ'ן סולם זענען די טרעפלעך פון הכרת הטוב; נישט הכרת הטוב צום באשעפער - צו מענטשן.

איז הייבסטו אן מיט דיינע עלטערן און צוביסלעך, צוביסלעך גייסטו ארויף העכער און העכער! ווען דיין מאמע שטעלט דיר צו פרישטאג אינדערפרי זאלסטו ערוועקן אין דיר א געפיל פון דאנקבארקייט צו איר און זאגן "א דאנק". אפילו אויב דו זאגסט עס נישט זאלסטו זיכער פילן דאנקבאר אויף דעם וואס זי האט דיר געגעבן.

דיין מאמע איז דער ערשטער טריט אויפ'ן טרעפל. אויב דו זאגסט, "יישר כח, מאמי," ווען זי געבט דיר נאכטמאל; דאן קענסטו טראכטן אויף ברכת המזון. בענטשן איז איין טריט העכער. אזוי קריכט מען ארויף; איין טריט און דערנאך נאך איינע און דערנאך נאך איינע; אזוי גייט מען ארויף אויף דעם לייטער פון עבודת ה׳. **הוקש כבודם לכבוד המקום**, זאגן די חז"ל - מכבד זיין דיינע

עלטערן איז ווי מכבד זיין דעם באשעפער (בבא מציעא לב.); ווייל דאס גרייט דיר אן צו קענען מכבד זיין דעם באשעפער.

### א דאנק צו יעדן

נישט נאר דיינע עלטערן. זאג "א דאנק" פאר דיינע רבי'ס. זאג "א דאנק" פאר די קאליטרטע מאן וואס דרייווט די שטאטישע באס. זאג "א דאנק" פאר דעם באס דרייווער וואס האט דיר געברענגט צו די ישיבה. האסט קיינמאל נישט געטראכט פון דעם, צי האסטו יא? ווען דו גייסט ארויף אויפ'ן באס צו גיין צו די ישיבה זאלסטו שפירן א דאנקבארקייט צו דעם דרייווער וואס פירט דיר אהין. עס וועט נישט שאדן אויב דו זאגסט "א דאנק". ער וועט ווערן איבערראשט - זאג אים עס נישט בשעת ער פירט דעם באס, ער קען חלש'ן!

דערנאך, ווען דיין רבי לערנט מיט דיר, זאלסטו פילן דאנקבאר צו אים אויף דעם וואס ער לערנט מיט דיר תורה. דו זאלסט פילן דאנקבאר אז דער ישיבה בנין איז באקוועם און ווארעם; דו זאלסט פילן דאנקבאר צו דער רייניגער וואס געבט זיך אפ מיט די ריינקייט פון די ישיבה. זאג "א דאנק" פאר דעם רייניגער; עס וועט נישט שאדן.

און אפילו ווען דו גייסט צום שוסטער און דו באצאלסט אים פאר לייגן קלעפלעך אויף די זוילן און אויף די קנאפלען פון דיינע שיך, דארפסטו אים באדאנקען. אן די קלעפלעך וועסטו באלד גיין בארוועס. און זאג נישט סתם ליידיגע ווערטער. טראכט דערוועגן פאר אפאר סעקונדעס און דאן זאג "א דאנק". דו גייסט אין גראסערי; דער גראסערי מאן פארקויפט דיר שפייז און דו געבסט אים בלויז געלט. ער קען נישט עסן די געלט, אבער דו קענסט עסן די שפייז. דער בעקער אויך - צי האסטו אמאל געזאגט "א דאנק"? אודאי דארפסטו זיך באדאנקען, אפילו אויב דו באצאלסט דערפאר.

און אזוי, ווען דו הייבסט אן צו זאגן "יישר כח" פאר דיין מאמע, "יישר כח" פאר דיין טאטע, פאר דיין רבי, פאר דיין שכן, דער פאסט מאן, דער באס דרייווער - נישט בלויז זאגן "א דאנק" נאר טראכטן איבער די גוטס וואס דו באקומסט פון יעדן באזונדער - דאן האסטו אנגעהויבן דיין עבודה פון דינען דעם באשעפער. דורך אזוי טון, ווערסטו גרייט צו דאנקען דעם בורא; דו טוסט זיך אנגרייטן צו פאקטיש שפירן דאנקבארקייט צו דער וואס מאכט אז אלעס זאל פאסירן.

## חלק ג. מכיר טובה זיין דעם באשעפער

### היט דיין צונג

מיר לערנען דא אז מיר קענען נישט אפטיילן אונזערע באציאונגען; אונזערע באציאונגען צום באשעפער זענען א דירעקטע תוצאה פון אונזערע באציאונגען צו די מענטשן ארום אונז. און דאס ברענגט אונז צו די מערקווירדיגע ווארט פון חז"ל.

יעדער ווייסט אז עס איז דא אן איסור צו רעדן אויף א צווייטן איד. עס איז פארבאטן פון די תורה: **לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ** - דו זאלסט נישט ארומגיין פארשפרייטן רייד אויף דיין חבר. אפילו אויב עס איז אמת, זאג גארנישט קעגן דיין חבר'ס נאמען! און דאס ווערט אזוי אפט איבערגע'חזר'ט; **נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע** - היט דיין צינג פון שלעכטס; מיר זעען אז דאס איז אן קיין

ספק א שלעכטע פירונג. דערפאר דארף מען זיין זייער פארזיכטיג ווען מ׳גייט צום טעלעפאן. ס׳איז א געפארפולער אינסטרומענט און עס מוז געניצט ווערן מיט פארשטאנד! און ווען דו זיצט מיט אנדערע מענטשן וואס שמועסן אינאיינעם, איז די בעסטע זאך נישט אנטיילצונעמען - הער בלויז אויס און האלט דיין מויל פארמאכט ווייל **כָּל הַמַּרְבֶּה דְּבָרִים, מֵבִיא חֵטְא** - ווי מער מען רעדט אלץ מער קען מען צוקומען צו זינדיגן (אבות א:יז). עס איז נישטא קיין ספק אז דער מענטש וואס קלאפט אראפ אנדערע איז א זינדיגער.

## נישט בלויז נאך א זינד

אבער מיר זעען נאך עפעס אנדערש, עפעס איבערראשנד, וואס אונזערע חכמים זאגן אונז איבער אזא מענטש; ער איז פיל מער ווי בלויז א זינדיגער: **המספר לשון הרע כאילו כפר בעיקר** - ווער עס רעדט לשון הרע איז עס ווי גלייך ער לייקנט אין באשעפער (ערכין טו:). דאס מיינט, עס ווערט גערעכנט ווי גלייך ער בארעדט דעם באשעפער!

איז די שאלה, פארוואס זאל עס אזוי זיין? יא, ס׳איז אמת, ער איז א בעל לשון הרע; ער זינדיגט מיט׳ן רעדן קעגן מענטשן. אבער נאך אלעם, דאס איז די גאנצע; ס׳איז אן עבירה שבין אדם לחבירו - ס׳איז א זינד פון צווישן א מענטש און א מענטש. וואו קומט דער באשעפער אריין אין בילד? ער רעדט דען קעגן דעם באשעפער? זיכער אז דער מענטש נאך וואס ער ענדיגט רעדן - לאמיר זאגן ווען ער גרייט זיך צום דאווענען, ער האט געזאגט א קליינע לשון הרע פאר ברכות - אבער אצינד איז ער גרייט צו זינגען שירה; ער טוט אן זיינע טלית און תפילין און אצינד איז ער גרייט צום דאווענען! זיין שכן וואס שפאצירט אויף זיין גארטן, ער איז דער וועמען ער האט נישט ליב, אבער צום באשעפער איז ער פול מיט לויב! פאר׳ן באשעפער האט ער גארנישט צו זאגן אויסער שעצונג. עס וואלט אים אפילו נישט איינגעפאלן צו זאגן עפעס קעגן דעם באשעפער. חס ושלום!

אבער ניין, עס איז נישט אזוי. ווייל וויבאלד א מענטש טוט זיך איינגעוואוינען צו טרעפן שלעכטס, צו זוכן חסרונות און קריטיקירן מענטשן, וועט ער אויך קריטיקירן דעם באשעפער; א מענטש וואס איז נאכלעסיג ביים רעדן איבער זיין חבר, דארף מען וויסן אז צום סוף וועט ער רעדן שלעכטס אויך אויף זיין באשעפער.

## טענות און קריטיק

ער וועט עס אפשר נישט זאגן; ער וועט אפשר מורא האבן עס צו זאגן, אבער אין זיין קאפ איז ער פול מיט אומצופרידנהייט מיט אלעם וואס דער באשעפער האט מיט אים געטון. און ער רעדט לשון הרע קעגן דעם באשעפער: ״פארוואס האט דאס פאסירט צו מיר?״ פרעגט ער. ״פארוואס האב איך נישט מער מצליח געווען? פארוואס האב איך פארלוירן געלט אין די און די מסחר?״ און ער פילט אז דער באשעפער איז שולדיג. ער וועט עס נישט זאגן, אבער עס איז אזוי, הינטערן געוויסן באשולדיגט ער דעם באשעפער.

נאכאמאל און נאכאמאל, זעען מיר מענטשן וואס קריטיקירן דעם באשעפער און זענען מזלזל אין זיין כבוד. איר ווילט דאס זען? גייט ארויס אינדרויסן ווינטער צייט וועט איר אנטרעפן צוויי אלטע פרויען שטיין און רעדן: ״וואספארא שלעכטער וועטער! זע די שמוציגע שניי!״

איר ווייסט וואס איז שניי? שניי ווערט פארוואנדלט צו וואסער און וואסער ווערט פארוואנדלט

צו פרוכט, ווייל די גאנצע פייכטקייט פון די שניי וואס ווערט צובּיסלעך אויפגעלאזט גייט אריין אין די ערד. די פארמערס זאגן אז ווען ס'איז נישטא גענוג שניי וועט דאס געוועקסעניש נישט גוט וואקסן אין קומענדיגן זומער ווייל די ערד דארף די פייכטקייט און עס איז די שניי אין דער ווינטער וואס זאמלט איין די פייכטקייט אין די ערד. צי איז דאס עפּעס אויף וואס זיך אפצוורעדן? אבער אזוי איז עס, אויב ביסטו א באקלאגער, וועסטו זיך אפרעדן אויף אלעם.

## דער באקלאגער

דערפאר שטייט אין משלי (טז:כח) **וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף** - דער באקלאגער טוט אפטיילן פון זיך די פריינט. קיינער האט נישט ליב קיין באקלאגער. א מאן וואס רעדט זיך אפּ, געפינט נישט חן אין די אויגן פון זיין ווייב. זיינע קינדער וועלן נישט הנאה האבן פון אים. א ווייב וואס רעדט זיך אפּ, א מאמע וואס רעדט זיך אפּ, איז נישט באליבט. יעדער וואס איז א באקלאגער זאל וויסן אז ער איז נישט אנגענומען. מענטשן האבן נישט ליב צו אויסהערן באקלאגערס און דערפאר, **מַפְרִיד אַלּוּף**, מען פארלירט פריינט.

אבער די חז"ל ערקלערן דעם פסוק מיט נאך א טריט ווייטער. לייגט צו קאפּ: די גמרא זאגט, **אֵין אַלּוּף אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** - דאס ווארט אלוף, פריינט, רעדט פון דעם באשעפער אויך. דער באקלאגער פארלירט אלע זיינע פריינט און נאך א שטיק צייט פארלירט ער זיין געטרייסטער פריינד, זיין בעסטער פריינד; ער פארלירט דעם באשעפער. דער באשעפער, כביכול, טוט זיך אפּ פון אים.

"אוי! אבער איך בין נישט ברוגז אויף דיר, באשעפער," וועט ער זאגן, "איך מיין נישט זיך אפצוורעדן אויף דיר!" דאס איז עס! **וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף** - דו פארלירסט דיין בעסטער פריינד! ווען א מענטש רעדט זיך אפּ, זאגט דער באשעפער, "דו רעדסט זיך אפּ אויך קעגן מיר. דו ביסט אומצופרידן און ס'איז אוממעגליך צו זיין אומצופרידן פון א מענטש און נישט זיין אומצופרידן פון מיר." מיין נישט אז דו קענסט זיין א באקלאגער נאר קעגן מענטשן, נאר אויף אומשטענדן. ניין! ס'איז אוממעגליך צו אפטיילן!

## אלעס איז זייער גוט

"דו וועסט קיינמאל נישט דאנקבאר זיין אויף וואס איך געב דיר," זאגט דער באשעפער, "איך געב דיר א טאג - א רעגנדיגער טאג, א פארוואלקנטער טאג, א פארנעפּלטער טאג - ס'איז א טאג פון לעבן! צי האסטו היינט געגעסן? צי האסטו אנגעהאט קליידונג היינט? צי ביסטו ארויס פאר דיינע געברויכן היינט? דו האסט היינט געלעבט א נארמאלער לעבן! איבער וואס רעדסטו זיך אפּ? דו רעדסט זיך אפּ אויף מיר!" **וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד** - דער באשעפער זעט אז אלעס וואס ער האט געמאכט איז זייער גוט. אבער דער מענטש זעט גארנישט קיין גוטס - אלעס איז זייער נישט גוט! דערפאר רעדט זיין מויל נרגנות, לשון הרע, אויף דעם באשעפער!

דו האסט קיינמאל נישט געדאנקט דעם באשעפער פאר רעגן? אפילו איינמאל נישט?! דו שלאפסט ביי דיין ארבעט! וועק זיך אויף! פראביר עס איין מאל. ווען עס קומט אראפּ א רעגן זאג, "אה, מיר דאנקען דיר באשעפער פאר די רעגן!" אזוי דארף מען זיך ערוועקן. הייב אן טראכטן! הייב אן דאנקען!

צי דאנקסטו דעם באשעפער אז דו האסט אן שיך? אזויפיל מענטשן אין די וועלט האבן אינגאנצן נישט קיין שיך! שיך איז זייער א טייערע לוקסוס. עס זענען דא גאנצע מדינות וואו מען גייט בארוועס, און דו האסט שיך! **שֶׁעָשָׂה לִי כָּל צָרְכִּי!** אפילו שיך געבסטו מיר! דו האסט היינט געזאגט די ווערטער. צי האסטו געקוקט אויף דיינע שיך ווען דו האסט געזאגט די ווערטער? צי האסטו געטראכט פון דיינע שיך ווען דו האסט געזאגט די ווערטער?

טראכט פון א שיך בענדל. שיך אן שיך בענדלעך זענען ווערדלאז. טראכט פון די שיך בענדל לעכער מיט פלאסטישע פארענדיגונג. אויב די שיך בענדלעך קומען ארויס פון די לעכער און מ'וויל עס צוריק אריינשנירן, מאכן די פלאסטישע פארענדיגונגען גרינגער די ארבעט. טראכט איבער די זאכן.

## אריינטראכטן אין די קליידונג

**מַלְבִּישׁ עֲרוּמִּים!** ער באקליידט די נאקעטע! א פרומער איד זאגט די ווערטער - ער זאגט עס מיט כוונה, אבער ער טראכט נישט קיין זאך איבער זיינע בגדים! צי האסטו אמאל אריינגעטראכט איבער די קנעפלעך לעכער? קנעפלעך לעכער! עס איז פארנייט ארום די קנעפלעך לעכער. אן דעם וואלטן די לעכער געווארן גרעסער יעדן טאג. צי האסטו אמאל געדאנקט דעם באשעפער אויף די פארנייאונג?

א ראש ישיבה האט מיר דאס געזאגט פיל יארן צוריק, דערפאר זאג איך די זעלבע זאך פאר אנדערע מענטשן. עס איז געווען מיט איבער זעכציג יאר צוריק; האט ער מיר געפרעגט, "צי קענסטו דאס מאכן?" האט ער מיר געוויזן אויף א קנעפל לאך.

"ניין," האב איך געענטפערט, "איך קען נישט."

**מלביש ערומים!** א פארנייאונג ארום א קנעפל לאך! און די קנעפלעך! קנעפלעך! און איבערגעצויגענע סחורה'נע קנעפלעך. אויך, אמאל האט מען נישט געהאט די גליטשיגע אונטערשלאק סחורות. ווען מען האט אריינגעשטעקט די האנט אין די ארבל, האבן די פינגער נעגל זיך פארכאפט און עס פלעגט זיך דורכרייסן. יעצט איז עס אזוי ווי באשמירט מיט אויל. גליטשיגע סחורה - עס גליטשט זיך אריין!

זיפערס (שלעסלעך)! איך געדענק ווען זיפערס זענען ארויסגעקומען! א גרויסער חידוש! מערסטנס זיפערס האבן נישט געארבעט - זיי פלעגן ווערן פארכאפט. היינט האבן מיר זיפערס; גארנישט איז שווער, ס'איז ווי באשמירט מיט אויל. צי דאנקסטו דעם באשעפער פאר די קליידונג?! ס'איז אן ערנסטער שמועס וואס דו הערסט דא!

## דער בעסטער מעדיצין

און וויפיל גוטע זאכן פאסירן צו דיר? טויזנטער גוטע זאכן. ס'איז וואונדערליך דער פאקט אז דו קענסט שלאפן. שלאף איז א נס. שלאפן איז בעסער ווי עסן. ס'איז א מעדיצין. עס היילט פיל מחלות. ס'איז א נס; בשעת דו שלאפסט, ווערן דיינע נערוון וואס זענען געווען צעטרעטנט צוריק פארנייט. פיל זאכן ווערן פארהיילט דורך שלאף. און דערפאר איז שלאף א נס. דו לייגסט זיך אראפ אויף א קישן און דו שלאפסט איין. און דערנאך ברוך ה' וועקסטו זיך אויף אינדערפרי. דו ביסט א נייער מענטש. **הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ** - מיר דארפן דאנקען דעם באשעפער פאר שלאף.

דו ווייסט וויפיל מענטשן קענען נישט שלאפן? א מענטש האט מיר אמאל געזאגט - אן אלטער מענטש, "איך האב פארלוירן דעם שלאף." ער האט מער נישט געקענט שלאפן. ס'איז א טראגעדיע. אבער אז דו ביסט א יונגער מענטש - דו לייגסט דיין קאפ אויפ'ן קישן, גלייך שלאפסטו איין. צי האסטו אמאל געטראכט פון דאנקען דעם באשעפער? געוויסע מענטשן דאנקען קיינמאל נישט דעם באשעפער דורכאויס זייער גאנץ לעבן. יא, דו מאכסט א ברכה, אבער דו טראכסט נישט וואס דו זאגסט. **הַמַּפִּיל חֶבְלֵי שֵׁנָה** - איך דאנק דיר, באשעפער, אז דו מאכסט מיר איינשלאפן. דו קענסט זאגן די ברכה יעדע נאכט און אפילו איין מאל נישט אריינטראכטן אין וואס דו זאגסט. וואספארא ברכה איז דער שלאף!

## הענט און פיס

צי האסטו אמאל געדאנקט דעם באשעפער פאר דיינע פיס? **הַמֵּכִין מִצְעֲדֵי גָבֶר** - דאס איז די מעגליכקייט צו גיין; דאס איז שוין עפעס אנדערש, אבער געוויסע מענטשן האבן אינגאנצן נישט קיין פיס. איז וואו איז די ברכה? דער טעם פארוואס מען מאכט נישט קיין ברכה אויף די פיס איז ווייל מען האט עס א גאנצע צייט! אפילו בשעת מען שלאפט האט מען די פיס, איז מאכט מען נישט קיין ברכה דערויף אינדערפרי. הענט האט מען אויך א גאנצע צייט, דערפאר מאכט מען נישט קיין ברכה דערויף. אבער דאך דארפסטו דאנקען דעם באשעפער פאר דיינע הענט און דיינע פיס, אפילו עס איז נישטא קיין נוסח! דו האסט נאך קיינמאל נישט געדאנקט דעם באשפער פאר דיינע הענט און פיס?! דו האסט קיינמאל נישט געזונגען צום באשעפער אז דו האסט צוויי הענט און צוויי פיס?!

איך האב געזען א מענטש זיצן אין א ראדשטול, אן קיין פיס ל"ע! זיינע קניען זענען געווען באדעקט מיט א דעקע; ס'איז גארנישט געווען אונטער די דעקע. אויב וואלט ער געהאט כאטש איין פוס, וואלט ער געקענט גיין מיט די הילף פון שטעקענעס; ער וואלט געווען א פרייליכער מענטש. אבער ער האט נישט געהאט אפילו איינע - ער האט ל"ע אינגאנצן נישט געהאט קיין פיס! ב"ה דו האסט יא פיס! צי קענסטו זיך בכלל אפשטעלן פון דאנקען דעם באשעפער פאר די פיס?

## נירן

און וויפיל זאכן זענען אזוי ווי דעם? טויזנטער זאכן! אט איז א מענטש וואס קען ל"ע נישט ארויסגיין קיין פליסיגקייט און דריי מאל א וואך דארף ער ווערן באהאפטן צו א מאשין; עס איז זייער א טייערער מאשין און א גאנצער פראצעדור ארויסצונעמען די אומריינע פליסיגקייט פון קערפער, אנשטאט די צוויי נירן זאלן עס טון. ס'איז א גרויסע נערוון שפיל; יעדן מאל דארף מען טרעפן צוויי נייע פלעצער וואו צו שטעכן אינעם קערפער צו אריינשטעקן די רערן. זיין קערפער איז פול מיט קליינע לעכער - זיי קענען שוין נישט טרעפן וואו אריינצושטעכן די רערן. דער מענטש, אויב וואלט ער געהאט איין ניר, וואלט ער געווען משוגע פאר שמחה. זיין מאמע האט אים מנדב געווען איר אייגענע ניר, עס האט נישט געארבעט. זיין ברודער האט מנדב געווען א ניר, עס האט אויך נישט געארבעט. ער איז נאכאמאל און נאכאמאל געווארן אנטוישט און איז געבליבן אן קיין ניר.

און דו? דו האסט צוויי נירן. יעדן טאג גייסטו ארויס פאר דיינע געברויכן, עס איז א נס. דיינע

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**ווי אזוי קענען מיר קומען צו די אנערקענונג אז דער באשעפער איז אונזער טאטע?**

### תשובה:

אצינד וועל איך אייך זאגן עפעס וואס איר וועט מיינען אז עס א מאדנע זאך אבער דאס איז דער וועג עס צו טון.

אויב וועסטו זיך שטעלן אין א ווינקל ווען קיינער איז נישט ארום און דו וועסט זאגן, ״אבינו,״ זאג עס נאכאמאל און נאכאמאל, זאג עס הונדערט מאל, און נאך א שטיק צייט וועט עס ארייננדרינגען.

למעשה, דאס איז נישט דער איינציגסטער וועג אבער עס איז זייער א ווירקזאמער וועג. דאס לערנען מיר פון הרה״ג רבי ישראל סאלאנטער זצ״ל. אז מען חזר׳ט איבער די געוואלדיגע געדאנקען, מען זאגט די ווערטער נאכאמאל און נאכאמאל און דו הערסט צו צו וואס דו זאגסט, וועט עס מיט די צייט ארייננדרינגען. אויב דו מיינסט עס אמת׳דיג, איז דאס דער וועג עס צו טון.

אויך, אויב דו וועסט אלעמאל טראכטן, ווען דו זאגסט די ווארט ״אבינו״ ביי די תפילות, אויב וועסטו שטענדיג זיך אפשטעלן און טראכטן, ״אונזער טאטע,״ וועט דאס אויך משפיע זיין. נאר דער פראבלעם איז אז ביים דאווענען זענען מענטשן געוועגליך אין אזא איילעניש אז זיי שטעלן זיך נישט אפ טראכטן